# ניו יארק סיטי סעקזשועל און ריפראדאקטיוו העלט קעיר ביל פון רעכטן

**אין ניו יארק סיטי (NYC), האט איר די רעכט צו האבן צוטריט צו סעקזשועל און ריפראדאקטיוו העלט קעיר, אריינגערעכנט אבארשן. איר האט די רעכטן בשעת איר זענט אין ניו יארק סיטי, נישט קיין חילוק וואו איר וואוינט.**

ווען איר זוכט סעקזשועל און ריפראדאקטיוו העלט קעיר סערוויסעס אין ניו יארק סיטי, האט איר די פאלגנדע רעכטן:

**1** צו באקומען די פאלגענדע סערוויסעס אן לאזן וויסן פאר די עלטערן אדער אן זייער באשטעטיגונג:

- אבארשן, אריינגערעכנט מעדיצינישע אבארשן, וועלכע מערסטנס אינשורענס פלענער (אריינגערעכנט Medicaid) מוזן דעקן און פאר סיי וועלכע פינאנציעלע הילף וואס קען זיין אוועילעבל אויב איר האט נישט אינשורענס אדער גענוג אינשורענס
- מיסקעריידזש מענעדזשמענט, אריינגערעכנט מעדיצין מענעדזשמענט פון מיסקערידזש
- געבורט קאנטראל און עמערדזשענסי קאנטראסעפשאן, וועלכע מערסטנס אינשורענס פלענער (אריינגערעכנט Medicaid) מוזן דעקן אן סיי וועלכע קאסטן פאר פאציענטן
- סעקזשועל העלט קעיר, אריינגערעכנט טעסטן, באהאנדלונג און פארמיידונג סערוויסעס פאר HIV און אנדערע סעקזשועל איבערגעגעבענע אנצינדונגען
- פארן געבורט און נאכן געבורט קעיר, וועלכע מערסטנס אינשורענס פלענער (אריינגערעכנט Medicaid) מוזן דעקן
- קעיר נאכפאלגנדיג טראומע, אריינגערעכנט סעקזשועל גוואלדטאטן און נאנטע פארטנער גוואלדטאטן

**2** צו זיין פריי פון באצוואונגונג, דראאונגען פון באצוואונגונג אדער פיזישע בלאקירונג ווען מען פרובירט צו באקומען ריפראדאקטיוו העלט קעיר

**3** צו פארלאנגען אינפארמאציע פון אייער העלט קעיר פראוויידער וועגן איבער סעקזשועל און ריפראדאקטיוו העלט

**4** צו באקומען אינפארמאציע איבער שפיטעלערס אדער געבורט צענטערן'ס געבורט פראקטיקן און פראצעדורן ווען איר זענט שוואנגערדיג

**5** צו באקומען אלע אינפארמאציע וואס איר דארפט האבן כדי צו געבן אינפארמירטע צושטימונג פאר סיי וועלכע נישט עמערדזשענסי פראצעדור אדער באהאנדלונג, אריינגערעכנט אינפארמאציע איבער ריזיקעס און בענעפיטן

**6** צו אויסוועלן צו אפזאגן סיי וועלכע פראצעדור אדער באהאנדלונג

**7** צו אויסוועלן ווער עס וועט מאכן סעקזשועל און ריפראדאקטיוו העלט קעיר באשלוסן פאר אייך אויב איר זענט נישט פעאיג

**8** צו האבן פריוואטקייט און געהיימקייט אין אייער מעדיצינישע קעיר

**9** צו ווערן באהאנדלט מיט איינזעעניש, רעספעקט און כבוד אין א ריינע און פארזיכערטע אומגעבונג פריי פון אומנויטיגע באגרעניצונגען

**10** צו האבן צוטריט צו סעקזשועל און ריפראדאקטיוו העלט קעיר, אריינגערעכנט אבארשן, ביי NYC Sexual Health Clinic און NYC Health + Hospitals פאסיליטיס אויב איר זענט נישט דאקומענטירט

פאר מער אינפארמאציע איבער העלט אינשורענס און קעיר פאר אימיגראנטן, באזוכט **nyc.gov/site/ochia/find-what-fits/immigrants.page**.

**11** צו אריינגעבן א קלאגע איבער אומגעזעצליכע דיסקרימינאציע און באלעסטיגונג אין ארבעטסערטער באזירט אויף אייער סעקזשועל און ריפראדאקטיוו העלט קעיר באשלוסן, און באלעסטיגונג אין ארבעטסערטער, פלעצער וואו צו וואוינען און פלעצער פון פובליק צושטעלונגען באזירט אויף אייער דזשענדער, דזשענדער אידענטיטעט, סעקזשועל אויסשטעל אדער סיי וועלכע אנדערע באשיצטע אידענטיטעט

אויב איר גלייבט אז איר זענט געווארן דיסקרימינירט אנטקעגן, פארבינדט אייך מיט די ניו יארק סיטי קאמיסיע פון מענטשן רעכטן אויף 212-416-0197, באריכט אנליין ביי **nyc.gov/site/cchr/about/report-discrimination.page** אדער באזוכט די קאמיסיע אפיסעס.

די ביל פון רעכטן איז א קריטישע טייל פון ניו יארק סיטי'ס באמיאונגען צו דערגרייכן סעקזשועל און ריפראדאקטיוו גערעכטיגקייט פאר אלע ניו יארקער. סעקזשועל און ריפראדאקטיוו גערעכטיגקייט עקזיסטירט ווען אלע מענטשן האבן די כח און מיטלען צו מאכן געזונטע באשלוסן איבער זייער קערפער, סעקזשואליטי און ריפראדאקשן. די ביל פון רעכטן טוט נישט שאפן נייע רעכטן וואס זענען נאכנישט דא אין געזעץ און איז נישט אנשטאט לעגאלע ראט. אויב איר גלייבט אז אייערע רעכטן זענען פארלעצט געווארן, פארבינדט אייך מיט אן אדוואקאט פאר ווייטערדיגע ראט.

NYC Health

צו לערנען מער איבער אייער סעקזשועל און ריפראדאקטיוו רעכטן, באזוכט **nyc.gov/health** און זוכט פאר **"sexual and reproductive justice" (סעקזשועל און ריפראדאקטיוו גערעכטיגקייט)**. צו לערנען מער איבער אייערע רעכטן צו זיין פריי פון דיסקרימינאציע, באזוכט **nyc.gov/humanrights**. פאר רעפערלס צו אן אדוואקאט, רופט די ניו יארק סיטי פאר לעגאלע רעפערל סערוויס אויף **212-626-7373** אדער באזוכט **nycbar.org**.